# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

משפטים תשפ"ב
גליון 78

## דער רייַנער קוואַל

### אַ גוטן לעכטיגן שַׁבָּת פאַר אַלע טייַערע קינדער

די וואָך וועלן מיר אַרומרעדן פון די העכסטע און גרעסטע זאַך אין אידישקייט, וואָס הייסט התבודדות. דאָס מיינט אַז יעדער איד אין אַלע זיינע אומשטענדן נישט קיין חילוק אין וועלכע עלטער אָדער ווען דאָס איז, דאַרף זיך טרעפן אַ צייט און זיך אויסגיסן זיין האַרץ צום אויבערשטן.

"התבודדות" האָט נישט קיין פונקטליכע אַנווייזונגען וויאַזוי עס דאַרף אויסקוקן. אַמאָל איז דאָס האַרץ פול מיט לויב און דאַנק צום באַשעפער, אַמאָל איז מען חָלִילָה אין אַ צַעַר, אַמאָל דאַרף מען עפעס אַ געברויך בגשמיות אָדער ברוחניות.




ווידער אַמאָל מאַכט זיך אַז דאָס האַרץ איז פאַרשטאָפט מען האָט נישט קיין ווערטער.

אָבער דאָס אַליין אַז מען קומט צום אויבערשטן טאָג-טעגליך און מען גרייט זיך צו רעדן אַפילו מען שטאַמלט אַרויס אַפּאָר האַלבע ווערטער. אויף אַזאַ התבודדות זאָגט דער הייליגער רבי "התבודדות איז די גרעסטע און העכסטע מעלה פון אַלעס!"

עס איז דאָ אַ פּסוק אין נביא, מען זאָגט עס אויך ראש השנה ביי מוסף "הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם אִם יֶלֶד שַׁעֲשֻׁעִים כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד עַל כֵּן הָמוּ מֵעַי לוֹ רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ.." דאָס מיינט אַז דער אויבערשטער זאָגט אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל בִּכְלַל און יעדער איד בִּפְרָט ווערט אָנגערופן 'אֶפְרַיִם' און איז באַליבט אַזוי ווי אַ קינד וואָס מען שטאַשקעט זיך מיט אים.

ווי אַלט איז אַ יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים - דאָס קינד וואָס כְּלַל יִשְׂרָאֵל איז צוגעגליכן צו אים?! אין מִדְרָשׁ זעט מען אַ מַחֲלוֹקֶת איבער דעם. איין תַּנָּא זאָגט: "אַ קינד פון צוויי דריי יאָר - וועלכער קען נאָך נישט רעדן קלאָרע ווערטער, אָבער זיין טאַטע האָט פון אים אַזוי הֲנָאָה, אַז ער וועט אים אַלעס געבן און טשאַשקעט זיך זייער מיט אים".

איין תַּנָּא זאָגט: "אַ קינד פון פיר פינף יאָר וואָס רעדט שוין קלאָרע ווערטער, ווי לְמָשָׁל: טאַטע קויף מיר אַ גוטע זאַך א.ד.ג. און זיין טאַטע קויפט אים דאָס.

ר' נָתָן האָט געלערנט דעם מִדְרָשׁ און אַרויסגעלערנט פונדעם אַ געוואַלדיגע התעוררות אויף התבודדות. אַז אויב מאַכט זיך ביי אַ אינגל אַז ער קען נישט רעדן דיבורים צום באַשעפער, ער קען נאָר רעדן מיט רְמָזִים אָדער האַלבע ווערטער, איז דאָס אויך גאָר טייער ביים אויבערשטן.

זיכער מאַכט זיך אויך אַז דער אויבערשטער העלפט און עס גיסט זיך אַרויס קלאָרע און גאַנצע דיבורים צום השי"ת איז דאָס אַוודאי חָשׁוּב און טייער.

המשך אויף זייט 8

## אַרויס פון חֵרֶם!

די מַעֲשֶׂה האָט פּאַסירט ווען ר' נָתָן איז געווען אַמאָל אויף אַ באַזוך אין אַ שְׁטאָט צו קענען אויפְפּלאַקערן די בְּנֵי הַנְּעוּרִים מיט דעם רֶבּי'נְס ליכטיגע עֵצוֹת, און האָט גערעדט אַ שְׁמוּעֶס פון הִתְחַזְּקוּת פאַר די אינגעלייט פון דעם שְׁטאָט. בִּשְׁעַת ר' נָתָן האָט געגעבן דעם שְׁמוּעֶס איז דאָרטן געשטאַנען אַ פרעמדער יונגערמאַן, און האָט צוגעלייגט זיין אויער מיט נייגער צו דעם שִׁיעוּר.

ווען ר' נָתָן האָט געענדיגט דעם שְׁמוּעֶס און דער עוֹלָם האָט זיך צוגאַנגען, איז דער אינגערמאַן צוגעגאַנגען צו ר' נָתָן, ער האָט אים געזאָגט ווער ער איז און וואו ער וואוינט. ער רופט זיך אָן צו ר' נָתָן: "איך מיין אַז איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער." אָבער אַזוי ווי איך האָב געהערט פון אייך דעם שְׁמוּעֶס, וויל איך זיך מיט אייך איבערעדן, אֶפְשָׁר האָב איך נאָך אַ האָפענונג?!

פאַרציילט דער אינגערמאַן וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, וואָס דאָס האָט אים צוגעבְּרענגט זיך איינצוטינקען אין אַזאַ שְׁרעקליכן יֵאוּשׁ.

אין ווילנא, שְׁטייט אַ גרויסער רייכער שול, עס איז פאַר אַלעמען באַקאַנט אַלְס דעם ווילנער גאוֹן'ס שול. עס איז געלעגן אין דעם שול אַ געוואַלדיגע רייכקייט, די סִפְרֵי תּוֹרוֹת זענען געווען באַצירט מיט זילבערנע און גאָלדענע קרוינען און צירונגען. די ווענט שטייען מיט'ן שענסטן פּראַכט וואָס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ שול - אַ מִשְׁכָּן מְעַט וואו די שְׁכִינָה רוּעט. גאָר אַסאַך געלט איז געווען אינוועסטירט אין דעם שול.

ווײַבאַלד די ווערד פון די טייערע סִפְרֵי תּוֹרָה איז געווען אוּמְשַׁאצְבּאַר. האָט מען געשטעלט אַ שטענדיגער שׁוֹמֵר, זאָל דאָס אָפּהיטן פון פרעמדע עלימענטן!

די גַּנָּבִים האָבן געלאַקערט אויף די רייכקייט. אָבער די שׁוֹמְרִים שטייען פיר און צוואַנציג שָׁעָה - אַ קיילעכיג יאָר היטן זיי דעם שול. די געשוּלטע גַּנָּבִים האָבן זיך פאַרלייגט אויף דעם פאַרמעג, אָבער זיי האָבן נישט געקענט צוקומען.

די חֶבְרָה האָבן זיך צאַמגערעדט און אויסגעקומען מיט אַ פּלאַן אַז די בעסטע צייט צו קענען דורכפירן דעם אַקציע, און קיינער זאָל נישט קענען האַלטן אַן אויג אויף זיי - איז נישט מער נישט ווייניגער, יוֹם כִּפּוּר ביינאַכט!! אין דעם נאַכט עפנט מען דאָך אויף די סִפְרֵי תּוֹרוֹת אַרויסצונעמען ביי כָּל נִדְרֵי. און אַ גרויסער עוֹלָם נעכטיגט איבער אין שול - צו זאָגן תְּהִלִּים ביינאַכט. שפּעט אינדערנאַכט ווען דער עוֹלָם וועט איינדרימלען, און דער אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ איז דאָך אָפן, וועט מען דערמאָלט אַרויסנעמען די סִפְרֵי-תּוֹרוֹת, און דורכפירן די גְּנֵבָה אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן און די שׁוֹמְרִים וועלן דאָך נישט קומען אין דעם נאַכט.



א שול אין שטאט ווילנא

זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ גוטן פּלאַן און האָבן טאַקע אַרויסגענומען דאָס גאַנצע פאַרמעגן פונעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אין דעם הייליגן נאַכט יוֹם כִּפּוּר!

אינדערפרי די שטאָטישע אידן פון ווילנא קומען צו גיין אין שול, מען עפנט אויף דעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, די פאַרמעג איז נישט דאָ אַלע גאָלדענע קרוינען און צירונגען זענען נֶעְלָם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. געוואַלד!! מען האָט געדענקט אַז נעכטן ווען מען האָט אַרויסגענומען די סִפְרֵי תּוֹרָה, זענען אַלע גאָלדענע און זילבערנע צירונגען געווען אויפן פּלאַץ. עס מוז זיין אַז עס איז גע'גַנֵב'ט געוואָרן אין דעם נאַכט יוֹם כִּפּוּר. "יוֹם כִּפּוּר ביינאַכט. זאָל מען אָפּטון אַזאַ גְּנֵבָה?!"

המשך אויף זייט 6

**מָאנְסִי, נְיוּ יָארְק**

נַפְתָּלִי וַוארְט שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג אוֹיף זַיין נְסִיעָה קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זַיין בְּרוּדֶער גֵייט דָארְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ זַיין בַּיי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִין מִירוֹן. אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין וָואס דֶער רַבִּי הָאט גֶעזָאגְט: 'אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען גֵיין פוּן אֵיין דַּרְגָּה צוּם צְווייטְן'. עֶר ווִיל גֵיין קֵיין מֵאָה שְׁעָרִים זֶען דִי לֶעכְטִיגֶע בָּא'חֵן'טֶע יְרוּשָׁלַמֶ'ער אִינְגַאלַאךְ מִיט זֵייעֶר עֶרְלִיכְקֵייט. עֶר ווִיל נָאךְ... אָבֶּער...

אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל שְׁוועריקֵייטְן... דִי צִיוֹנִ'סְטִישֶׁע מְדִינָה לָאזְט נָאךְ נִישְׁט אַרַיין אַלֶע בִּירְגֶער פוּן חוּץ לָאָרֶץ. עֶר הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל קֶענֶען פָארְן, עֶר ווִיל מִיטְהַאלְטְן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶער נָאנְט.



**בֵּית שֶׁמֶשׁ, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

**טַאטֶע:** גֵיי קוּק וֶוער עֶס קְלַאפְּט אִין טִיר!

**זַלְמָן:** טַאטִי אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט!!

**טַאטֶע:** וֶוער אִיז דָארְט?

**זַלְמָן:** נַפְתָּלִי אִיז דָא, מִיט זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע!!

**נַפְתָּלִי:** יָא אִיךְ בִּין דָא זַלְמִי, קֶענְסְט עֶס גְלֵייבְּן? אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא קֵיין בֵּית שֶׁמֶשׁ צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין בְּרוּדֶער.

**טַאטֶע:** זַלְמָן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעווּאוּסְט אַז נַפְתָּלִי קוּמְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט מַאכְן אַן אִיבֶּערַראשׁוּנְג. קוּמְטְס אַרַיין אַזֶעלְכֶע חֲשׁוּבֶ'ע גֶעסְט, לָאמִיךְ אַייךְ גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ טְרִינְקֶען. נַפְתָּלִי ווִילְסְט אוֹיךְ אַ טֵיי?

**נַפְתָּלִי:** עֶס שְׁמֶעקְט מִיר גְרָאדֶע!

**טַאטֶע:** נַפְתָּלִי, זֵייעֶר גוּט אַז דוּ בִּיסְט יֶעצְט גֶעקוּמֶען ווַייל זַלְמָן אִיז הַיינְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפִילְט אַזוֹי גוּט, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶר טַאנְצְט שׁוֹין אַרוּם אוֹיף דִי בֶּעטְן!! אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט אִים עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין בִּיטוּל תּוֹרָה.

**נַפְתָּלִי:** אָקֶעי, אִיךְ בִּין פַיין גֶעשְׁלָאפְן אוֹיפְן וֶועג.

**טַאטֶע:** זַלְמָן אִיז אַ קְלוּגֶער אִינְגֶל, עֶר וֶועט גוּט אוֹיפְכַאפְּן דָאס לֶערְנֶען.

**נַפְתָּלִי:** זַלְמָן, לָאמִיר לֶערְנֶען הוֹיךְ אוּן גֶעשְׁמַאק! "כִּי תִרְאֶה אַז דוּ וֶועסְט זֶען..."

**זַלְמָן:** אִיךְ וֶועל עֶס לֶערְנֶען דִי אַנְדֶערֶע יָאר. אִיךְ גֵיי מַאלֶעוָוען אַ בּוֹים.

**נַפְתָּלִי:** נָאר אָן לֵיצָנוּת, זַלְמִי! מֶען לֶערְנְט יֶעצְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּיזְט שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער אִינְגְל. ווִי אַלְט בִּיזְטוּ?

**זַלְמָן:** זִיבְּן יָאר!

**נַפְתָּלִי:** "חֲמוֹר שׂנַאֲךָ רֹבֵץ," דָאס אֵייזְל פוּן דַיין פַיינְט הוֹיעֶרְט... זָאג נָאךְ זַלְמִי...

**זַלְמָן:** אִיךְ בִּין זֵייעֶר מִיד אִיךְ לֵייג אַרָאפּ מַיין קָאפּ אוֹיפְן טִישׁ. נַפְתָּלִי דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען ווַייטֶער אַלֵיין! ס'וֶועט הֵייסְן אַזוֹי ווִי אִיךְ לֶערְן ווַייל דוּ זִיצְט נֶעבְּן מִיר...



**נַפְתָּלִי:** דָאס הֵייסְט זִיכֶער נִישְׁט אַזוֹי ווִי דִי לֶערְנְסְט... נָאךְ אֵיין שְׁטִיקְל פוּן סוֹף פָּסוּק פַאר דוּ לֵייגְסְט אַרָאפּ דַיין קָאפּ. "עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ," זָאלְסְטוּ אִים צוּהֶעלְפְן...

**זַלְמָן (טַאנְצְ'דִיג אוֹיפְ'ן בֶּעט):** קוּק דָארְט! אִיךְ זֶע אַן אֵייזְל גֵייט אַרוּם מִיט אַ בְּרוֹינֶע זַאק אוֹיף זַיין פְּלֵייצֶע.

**נַפְתָּלִי:** הָא, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ בִּיסְט מִיד! ווֵייסְטוּ וָואס? פְּרֶעג דַיין טַאטֶע רְשׁוּת אוֹיבּ אִיךְ קֶען כַאפְּן מִיט דִיר אַ שְׁפַּאצִיר צוּ יֶענֶעם דֶערְפְל וואוּ דָאס אֵייזְל שְׁטֵייט.

**זַלְמָן:** מַיין טַאטֶע לָאזְט נָאר טָאמֶער אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער בָּחוּר וֶועט מִיטְקוּמֶען, עֶר קוּמְט אוֹיךְ. אִיךְ ווִיל גֶעבְּן פַאר דִי אֵייזְל שְׁטְרוֹי צוּ עֶסְן.

**נַפְתָּלִי:** לָאמִיר בֶּעטְן פוּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת רְשׁוּת אַרַיינְצוּגֵיין אִין זַיין הוֹיף.

**זַלְמָן:** עֶר הַאלְט נִישְׁט הַיינְט בַּיי גָארְנִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ. עֶר זִיצְט אוּן פַארְקְלָאצְט זִיךְ אוֹיף דִי בֵּיימֶער... קוּק אָן ווִי דִי אֵייזְל ווֵיינְט, עֶר הָאט אַ גְרָאבֶּע זַאק אוֹיף זַיין רוּקְן.

**מֶענְטְשׁ:** קִינְדֶער נֶעמְטְס אַרָאפּ דֶעם זַאק, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען.. הֶע.. אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס ווִיכְטִיג צוּ עֶרְלֶעדִיגְן...

**המשך אויף זייט 7**

# ~ דִי צְווֶעלֶעֶווְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה

~7~




אוּן עֶר הָאט אִים וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט. אַז זֵיי (דְהַיינוּ דִי גִיבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר כַּנַּ"ל) זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים כַּנַּ"ל (דְהַיינוּ דִי כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר אַז מֶע זָאל זִיךְ פִּילֶעוִוין צוּ גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים) וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַּ"ל (דְהַיינוּ אַ גְרוֹיסִין מֶענְטְשְׁן כַּנַּ"ל). וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיגַאנְגֶען אַ מַחֲנֶה פוּן זֵיי (כְּלוֹמַר סֶע גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים) מִיט דֶעם אִיבַּאז וָואס מֶע הָאט זֵיי נָאךְ גִיפִּירְט עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען אוּן דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכִין. אוּן פַאר דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים, הָאט דִי וֶועלְט בְּוַודַאי זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גִבּוֹרִים, אוּן וֶוער סֶע הָאט זֵיי בַּאגֶעגִינְט, הָאט זֵיי בְּוַודַאי אָפְּגֶעטְרָאטְן פוּן דֶעם וֶועג.

דֶערְוַוייל, וִוי דִי מַחֲנֶה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים זֶענֶען אַזוֹי גִיגַאנְגֶען, אִיז זֵיי אַקֶעגִין גִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר. אוּן דֶער גִבּוֹר הָאט זֵיי נִישְׁט אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג. אוּן עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מַחֲנֶה אַרַיין, אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט (מִיט דִי הֶענְט) אַהִין אוּן אַהֶער. אוּן דִי לַייט פוּן דֶער מַחֲנֶה הָאבִּין פַאר אִים מוֹרָא גִיהַאט, אוּן עֶר (דְהַיינוּ דֶער גִבּוֹר) אִיז זִיךְ אַרַיין גִיגַאנְגֶען צְווִישְׁן דִי וֶועגִילֶעךְ הַנַּ"ל וָואס זֵיי זֶענֶען זֵיי נָאךְ גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין אַלְדִינְג וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען. אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען (וָואס דֶער אִיז אַזוֹי אַ גִבּוֹר וָואס עֶר הָאט קֵיין מוֹרָא נִישְׁט פַאר זֵיי אוּן אִיז צְווִישְׁן זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין גָאר וָואס סֶע גִיוֶוען אוֹיף דִי וֶועגִילֶעךְ).

זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף פַאר אִים אַנִידֶער גִיפַאלִי.. אוּן הָאבִּין גֶעזָאגְט תֵּיכֶף, יְחִי הַמֶּלֶךְ! (כְּלוֹמַר זֵיי הָאבִּין תֵּיכֶף אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ) וָוארִין אִים קוּמְט בְּוַודַאי דִי מְלוּכָה, נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז דֶער וָואס עֶר אִיז אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַּ"ל. אוּן דֶער מֶלֶךְ וֶועט אִים בְּוַודַאי מוֹחֵל זַיין דִי מְלוּכָה, וָוארִין אִים קוּמְט בְּוַודַאי דִי מְלוּכָה וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ גִבּוֹר אַזוֹי אַ בַּעַל אֵבָרִים. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען, זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. (דְהַיינוּ דֶעם גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז זֵיי גִיקוּמֶען אַ קֶעגִין כַּנַּ"ל).

אוּן דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר וָואס מִיר גֵייעֶן הַיינְט מִיט אִים אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט, אוּן עֶר זָאגְט (דְהַיינוּ דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז דָא מֶלֶךְ גִיוָוארִין אוֹיף זֵיי) אַז עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. דֶערְמִיט וָואס עֶר גֵייט אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט וָוארִין עֶר מֵיינְט גָאר נִישְׁט דָאס אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים, נָאר עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט, אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי זֵיי קוּמֶען צוּם אוֹיף מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר עֶס אִים דָאס אַלְץ גִיעֶנְפֶערְט).

הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט, מִיט וָואס אִיז זַיין גְבוּרָה פוּן דֶעם גִבּוֹר, וָואס עֶר אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הַיינְט? הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט, בַּאֲשֶׁר אֵיין מְדִינָה הָאט זִיךְ נִישְׁט גִיוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים, הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען זַיין שְׁוֶוערְד וָואס עֶר הָאט אוּן דִי שְׁוֶוערְד הָאט דְרַיי כּוֹחוֹת. אַז מֶע הֵייבְּט זִי אוֹיף אַנְטְלוֹיפִין אַלֶע שָׂרִים פוּן דִי חַיָּילוֹת (דְהַיינוּ אַלֶע עֶלְצְטֶע) וְכוּ' (אוּן הָאט אוֹיסְגִירֶעכִינְט דִי דְרַיי כּוֹחוֹת וָואס אוֹיבִין אִיז גִישְׁטַאנֶען. וָואס פוּן דָארְט הָאט דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ גִינוּמֶען גְבוּרָה כַּנַּ"ל).

וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיבֶּעטִין, אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט דֶעם גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי מֶלֶךְ. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט, מֶען מוּז מֶעלְדִיוֶוען פַאר אִים. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען, אוּן מֶען הָאט

גִימֶעלְדִיוֶועט, הָאט עֶר גִיהֵייסְן אַז עֶר זָאל אַרַיין קוּמֶען.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם גִבּוֹר, וִוי עֶר אִיז צוּ אִים אַרַיין גִיקוּמֶען, הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶוען צוּם אוֹיף קוּמֶען זִיךְ אִין אֵיינֶעם. אוּן סֶע גִיוֶוען צְווִישְׁן זֵיי שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת (פְרֵייד אוּן גִיוֵויין) וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט. הָאבִּין זֵיי דְרוֹיף גִיוֵויינְט. אִיבֶּער דֶעם אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין. וִוירִימֶער זֵיי זֶענֶען אַהֶער אָנְגִיקוּמֶען. הָאט דֶער גִבּוֹר דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, אַז דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען, וָואס דֶעמוּלְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. וִוי עֶר אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען פוּן דָארְט וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען מְחַדֵּשׁ זַיין כֹּחַ. אוּן הָאט נִישְׁט גִיפוּנֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע לַייט כַּנַּ"ל, הָאט עֶר זִיךְ דֶעמוּלְט גִילָאזְט גֵיין וִוי הִין עֶר וֶועט גֵיין, אוּן עֶר אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער זֵיי אַלֶע.

דְהַיְינוּ עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם אָרְט וִוי דֶער מֶלֶךְ אִיז אוּן וִוי דִי אַלֶע לַייט זַיינֶע זֶענֶען. דְהַיְינוּ עֶר אִיז גִיוֶוען אוֹיף אֵיין אָרְט הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען, אַז דָארְט אִין דֶעם אָרְט אִיז בְּוַודַּאי דֶער מֶלֶךְ דָא. נָאר עֶר הָאט אִים נִישְׁט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען.

אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אוֹיף אֵיין אָרְט, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט אִיז בְּוַודַּאי דִי מַלְכָּה נָאר עֶר הָאט זִי נִישְׁט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי אַלֶע לַייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דִיךְ בִּין אִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. (הַיְינוּ דֶער גִבּוֹר וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס הָאט גִיזָאגְט צוּם בַּעַל תְּפִלָּה, אַז אִיבֶּער אַלֶע עֶרְטֶער פוּן אַלֶע לַייט אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען, נָאר אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען).

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיךְ בִּין אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער אַלֶע עֶרְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע, אוּן אִיבֶּער דַיין אָרְט אוֹיךְ. וָוארִין אִיךְ בִּין גִיגַאנְגֶען אוֹיף אֵיין אָרְט, הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן שְׁטֵיין דִי קְרוֹין פוּן דֶעם מֶלֶךְ, הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דֶער מֶלֶךְ. נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען.

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. בִּין אִיךְ פִּיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן בְּלוּט, הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַּאי גִיוָוארִין פוּן דִי טְרֶערִין פוּן דֶער מַלְכָּה, וָואס זִי וֵויינְט אוֹיף דֶעם אַלִימֶען. אוּן דִי מַלְכָּה אִיז בְּוַודַּאי דָא. נָאר אִיךְ הָאבּ זִי נִישְׁט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען.

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ פִּיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן מִילֶעךְ. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען, אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַּאי גְוָוארִין פוּן דֶער מִילֶעךְ פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה וָואס אִיר קִינְד אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. הָאט זִי גִישְׁפַּארְט דִי מִילֶעךְ אוּן דֶערְפוּן אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם פוּן מִילֶעךְ. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה בְּוַודַּאי דָא, נָאר אִיךְ הָאבּ זִי נִישְׁט גִיקָאנְט זוּכִין אוּן גִיפִינֶען.

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן, סֶע זֶענֶען גִילֶעגִין דִי גִילְדֶענֶע הָאר פוּן דֶעם קִינְד. אוּן אִיךְ הָאבּ פוּן זֵיי גָאר נִישְׁט גִינוּמֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ גְווִאוּסְט אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דָאס קִינְד נָאר סֶע נִישְׁט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ זוּכִין אוּן צוּ גִיפִינֶען.

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. בִּין אִיךְ פִּיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן וַויין, הָאבּ אִיךְ גְווִאוּסְט אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַּאי גִיוָוארִין פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם מֵלִיץ. וָואס עֶר שְׁטֵייט אוּן רֶעט תַּנְחוּמִין (דְהַיְינוּ טְרֵייסְט) פַאר דֶעם מֶלֶךְ אוּן דִי מַלְכָּה. אוּן דֶערְנָאךְ קֶערְט עֶר אוּם דָאס פָּנִים אוּן רֶעט תַּנְחוּמִין צוּ דֶער בַּת מַלְכָּה, אוּן פוּן דִי רֵייד אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם פוּן וַויין. נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גִיקָאנְט גִיפִינֶען.

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט אַ שְׁטֵיין וָואס אוֹיף אִים אִיז אוֹיס גִיקְרִיצְט אַזוֹי וִוי דִי יַד מִיט דִי שִׁירְטוּטִין (דְהַיְינוּ אַזוֹי וִוי דִי יַד מִיט אַלֶע קְרִיצִין וְכוּ' וָואס סֶע גִיוֶוען בַּאם מֶלֶךְ כַּנַּ"ל) הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דֶער חָכָם (פוּן דֶעם מֶלֶךְ) אוּן דֶער חָכָם הָאט זִיךְ דָאס אוֹיסְגִיקְרִיצְט דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער יַד אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין, נָאר סֶע נִישְׁט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ גִיפִינֶען.

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן וִוי סֶע אִיז גִיוֶוען אוֹיסְגִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַ בַּארְג דִי גִילְדִינֶע טִישְׁלִיךְ אוּן דִי קְרִידֶענְצִין אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע אוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ, הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דֶער מְמוּנָּה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ. (דְהַיְינוּ דֶער וָואס אִיז גִיזֶעצְט אִיבֶּער אַלֶע אוֹצְרוֹת) נָאר סֶע נִישְׁט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ גִיפִינֶען (דָאס הָאט אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶערְצֵיילְט דֶעם גִבּוֹר).

עֶנְטְפֶערְט דֶער גִבּוֹר. אִיךְ בִּין אוֹיךְ אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי אַלֶע עֶרְטֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ יָא גִינוּמֶען פוּן דִי גִילְדִינֶע הָאר פוּן דֶעם קִינְד. וָוארִין אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען זִיבִּין הָאר וָואס זֵיי הָאבִּין

המשך אויף זייט 6

אַלִירְלֵיי פַּארְבִּין, אוּן זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר טַייעֶר. אוּן אִיךְ בִּין גִיזֶעסִין אוּן הָאבּ מִיךְ מְחַיֶה גִיוֶועןמִיט וָואס מִיגְלִיךְ אִיז מִיט גְרָאז אוּן דֶעסְט גְלַייכִין בִּיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גִיהַאט קֵיין שׁוּם זַאךְ זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין, הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִילָאזְט גֵיין וִוי הִין אִיךְ וֶועל גֵיין. אוּן אַז אִיךְ בִּין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסִין מַיין בּוֹיגִין דָארְט.

עֶנְטפֶּערְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן דֶעם בּוֹיגִין. הָאבּ אִיךְ גְווָאוּסְט אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי דַיין בּוֹיגִין, נָאר אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גִיקֶענְט גִיפִינֶען.

הָאט דֶער גִבּוֹר וַוייטֶער דֶערצֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז וִוי אִיךְ בִּין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט. בִּין אִיךְ אַזוֹי גִיגַאנְגֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגִינְט דִי מַחֲנֶה הַנַּ"ל (דְהַיְינוּ דִי שְׁאָר פוּן דִי גִבּוֹרִים בַּעֲלֵי אֵבָרִים הַנַּ"ל) בִּין אִיךְ צְוִוישְׁן זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען. וָוארִין אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיק גִיוֶוען. הָאבּ אִיךְ גִיוָואלְט עֶסִין אוּן תֵּיכֶף וִוי אִיךְ בִּין אַרַיין גִיקוּמֶען צְוִוישְׁן זֵיי, הָאבִּין זֵיי מִיךְ תֵּיכֶף אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ כַּנַּ"ל. אוּן הַיינְט גֵיי אִיךְ אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. אוּן מַיין כַּוָּונָה אִיז, טָאמֶער וֶועל אִיךְ קֶענֶען גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט הַנַּ"ל.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט דֶעם גִבּוֹר וָואס טוּט מֶען מִיט דִי לַייט, דְהַיְינוּ מִיט דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיקוּמֶען אוֹיף אַזוֹינֶע ווִילְדֶע נַארִישְׁקֵייט, אַז דִי וָואס הָאבִּין אַסַאךְ גֶעלְט זֶענֶען בַּיי זֵיי גָאטִין. אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע נַארִישְׁקֵייט וָואס דִי מְדִינָה הָאט.

הָאט דֶער גִבּוֹר גִיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ, אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות קָאן מֶען אַרוֹיסנֶעמֶען דֶעם וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין זֵיי, נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, קָאן מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן בְּשׁוּם אוֹפָן, בְּכֵן וֶועסְטוּ בַּיי זֵיי גָאר נִישְׁט פוֹעֲלִין.

וָוארִין סֶע נִישְׁט גִימָאלְט אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען זֵיי דֶערְפוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע פַארְהַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד הַנַּ"ל. וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט עֶר זַיין גְבוּרָה כַּנַּ"ל. נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג קָאן מֶען יָא אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. דֶעם וָואס עֶר אִיז דְרִינֶען אַרַיין גִיפַאלִין. (אַזוֹי הָאט עֶר גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ).

אִיז דֶער גִבּוֹר מִיט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַוֶועק גִיזֶעסְן אַ צַייט אִין אֵיינֶעם. אוּן מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה הַנַּ"ל וָואס זֵיי הָאבִּין עֶס גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין צוּ דֶעם גִבּוֹר פוּן זֵייעֶרְט וֶועגִין כַּנַּ"ל הָאבִּין זֵיי מַרְחִיב זְמַן גִיוֶוען. דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אַיינְגִיבֶּעטִין דֶעם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין אַ צַייט (דְהַיְינוּ וָואס בִּיז אִין דֶער צַייט זָאל עֶר זֵיי גָאר נִישְׁט טוּן) הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן פְרַיי אַ צַייט.

דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְוִוישְׁן זִיךְ. דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאבִּין צְוִוישְׁן זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים, כְּדֵי אֵיינֶער זָאל קֶענֶען הָאבִּין אַ יְדִיעָה פוּן דֶעם אַנְדֶערְן. דֶערְנָאךְ אִיז זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג אַרַיין.

## אַרוֹיס פוּן חֵרֶם!

המשך פון זייט 2

יֶענֶע יָארְן זֶענֶען גֶעוֶוען גְדוֹלִים - עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, בַּעֲלֵי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ חֵרֶם, אוֹיף דִי גַנָּבִים וָואס הָאבְּן עֶס גֶעטוּן. אוּן אַלֶע וֶועלְכֶע וַוייסְן דֶערְפוּן אוּן זֶענֶען פַארְמִישְׁט דֶערִין - אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט, זֶענֶען אוֹיךְ אִין אַ חֵרֶם.

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִינְגֶערְמַאן צוּ ר' נָתָן: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוּן דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם גְנֵבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶע'גַנְבֶ'עט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן, אוּן וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶעטוּן, בִּין אִיךְ אִין אַ חֵרֶם פוּן אַזֶעלְכֶע גְדוֹלִים - אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר דִי רַבָּנִים."

אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַזַא מִין שְׁמוּעֶס פוּן הִתְחַזְקוּת, ווִיל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן טָאמֶער אִיךְ הָאבּ נָאךְ עֶפֶּעס אַ הָאפֶענוּנְג?! "דָאס וֵוייסְט מֶען אַז ר' נָתָן הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא!" עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג! וָואס עֶר מִיט אִים גֶערֶעדְט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט, אָבֶער עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט יָא הָאפֶענוּנְג! ר' נָתָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה ווִיאַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם פְלָאנְטֶער...

(אויסגעארבעט פון א שמועס פון הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל)

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם

גורל, 02-5-3333-72

646-518-1095 1-518-329-9149

**המשך פון זייט 3**

**זַלְמָן:** יָא זֵייעֶר וִויכְטִיג!!!

**בָּחוּר:** "עָזוֹב תַּעֲזֹב - מֶען דַארְף אִים צוּהֶעלְפְן אַרָאפְּלָאדֶאנֶען" לָאמִיר אַרִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען דֶעם צוֹים אוּן אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן דֶעם גְרָאבְּן זַאק!

**זַלְמָן:** יָא, מַיין רֶבִּי הָאט עֶס גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר.

**נַפְתָּלִי:** אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ גֶעדֶענְקְסְט דֶעם פָּסוּק פוּן חֵדֶר, אָבֶּער עָזוֹב תַּעֲזֹב גֵייט אָן נָאר "עִמּוֹ" וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת לָאדְנְט אוֹיךְ אַרָאפּ, דַארְפְן מִיר אִים צוּהֶעלְפְן. אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ פוֹילֶער יוּנְג דַארְף מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיסְהֶעלְפְן!

**זַלְמָן:** עֶס אִיז אָבֶּער צַעַר בַּעֲלֵי חַיִּים, אִיךְ דַארְף פְרֶעגְן מַיין רֶבִּי דִי הֲלָכָה? אוֹי, גֶעבּ אַ קוּק, דִי אֵייזְל אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ מֵיין עֶר הָאט גֶע'חַלִשְׁ'ט, הָא, דֶער בַּעַל הַבַּיִת קוּמְט שׁוֹין צוּ לוֹיפְן.

**נַפְתָּלִי:** לָאמִיר אַהֵיימְגֵיין.

**זַלְמָן:** נַפְתָּלִי דוּ וֵוייסְט? אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען הַיינְט. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט יֶעצְט אַ רִיכְטִיגֶע זַאךְ פוּן דִיר.

**נַפְתָּלִי:** לָאמִיר הֶערְן זַלְמִי וָואס הָאסְטוּ צוּ זָאגְן צַדִיקְ'ל?

**זַלְמָן:** הָאסְט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר דֶעם פָּסוּק עָזֹב תַּעֲזֹב, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן דִי לֶערְנֶען וֶועט אַרַיינְפְלִיעֶן אִין מַיין מֹחַ, אוֹיבּ נִישְׁט פוּן מַיין אוֹיעֶר, אֶפְשָׁר פוּן מַיינֶע נָאז-לֶעכֶער! אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דֶעם 'פוֹילְן יוּנְג' וִוי עֶר הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט, עֶר וַוארְט אַז דִי אַרְבֶּעט זָאל גֶעטוּן וֶוערְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, לָאזְנְ'דִיג זַיין אֵייזְל זִיךְ פַּיינִיגְן.

**נַפְתָּלִי:** יָא, דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד קֶען אוֹיךְ חַלִישְׁ'ן אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט וֶועלְן מִיטְלֶערְנֶען מִיט זַיין חַבְרוּתָא אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן אַ גַאנְצְן טָאג.

**נַפְתָּלִי:** זַלְמִי, מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פְּלַאנֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּ פָארְן קַיין מִירוֹן. ווִילְסְט מִיטְקוּמֶען?

**זַלְמָן:** יָא! אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן מַיין טַאטֶע.

## ~ ~ מִירוֹן, 2:00 נָאכְמִיטָאג

**זַלְמָן:** נַפְתָּלִי אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען דִי גְרוֹיסֶע וַוייסֶע פוֹיגְל וָואס פְלִיעֶן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער נֶעבְּן דִי מְעָרָה. דוּ קֶענְסְט גֵיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים! רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶועט שׁוֹין ווִיסְן וָואס אִיךְ דַארְף!

**נַפְתָּלִי:** זַלְמִי, זֵיי נִישְׁט קַיין נַעַר, בִּיסְט גֶעפָארְן אַזַא לַאנְגֶע נְסִיעָה, בַּארֶעכְן זִיךְ וָואס דוּ טוּסְט. דוּ דַארְפְסְט וַוייזְן פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַז דוּ ווִילְסְט עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן. עָזֹב תַּעֲזֹב, רֶבִּי שִׁמְעוֹן ווִיל דִיר הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן גָאר אַ סַךְ מַתָּנוֹת, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט צוּ אִים? דוּ ווִילְסְט זֶען פֵייגְלֶעךְ?...

**זַלְמָן:** סְ'גוּט. אִיךְ... ווִיל גֵיין צוּ דִי פֵייגְלֶעךְ... וֶוען דַארְף מֶען זַיין גְרֵייט אַהֵיימְצוּפָארְן?

**נַפְתָּלִי:** דְרַיי אַזֵייגֶער פּוּנְקְטְלִיךְ וַוארְט דָא בַּיים טוֹיעֶר פוּן דִי מְעָרָה. גֵיי נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ וַוייטֶער פוּן דֶעם בּוֹים!

## ~ ~ מִירוֹן, 3:00 נָאכְמִיטָאג, בַּיים הוֹיפְּט טוֹיעֶר

**זַלְמָן:** נַפְתָּלִי וָואס שְׁלֶעפְּסְטוּ דָארְט?

**נַפְתָּלִי:** אִיךְ הָאבּ ב"ה גוּט גֶעזָאגְט תְּהִלִּים מִיט לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט, הָאט עֶפֶּעס אַ חַאלַאקֶע אִינְגְל אַ 'בֶּן יָחִיד', גֶעטֵיילְט פֶּעסְטֶע מַתָּנוֹת אוּן פֶּעקֶעלֶעךְ, דָא לִיגְט אַ שֵׁיינֶע נַייעֶ סִדּוּר אוּן תְּהִלִּים אוּן נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן!! **זַלְמָן:** אִיךְ ווִיל אוֹיךְ!!

**נַפְתָּלִי:** דָארְט אִיז דֶער חַאלַאקֶע אִינְגְלְ'ס טַאטֶע, זֶעסְט? לוֹיף אִים נָאךְ!!

**זַלְמָן:** עֶר הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט... אִיךְ בִּין זֵייעֶר... בִּיסְט גֶעוֶוען גֶערֶעכְט נַפְתָּלִי. רֶבִּי שִׁמְעוֹן ווִיל אוּנְז גֶעבְּן גוּטֶע מַתָּנוֹת אָבֶּער אוּנְז דַארְפְן קוּמֶען מִיט הַכְנָעָה צוּ נֶעמֶען דִי גוּטֶע מַתָּנוֹת.

**נַפְתָּלִי:** עֶר גִיבְּט אוּנְז אַסַאךְ בֶּעסֶערֶע מַתָּנוֹת ווִי נַאשֶׁערַייעֶן אוּן...

**זַלְמָן:** אִיךְ גֵיי תְּשׁוּבָה טוּן. זָאגְט פַאר דַיין טַאטֶע זָאל וַוארְטְן נָאךְ צֶען מִינוּט. אִיךְ לוֹיף אַרַיין זָאגְן אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי... **נַפְתָּלִי:** אִיךְ גֵיי מִיט דִיר..

*נַפְתָּלִי הָאט גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם 'עָזוֹב תַּעֲזֹב מִיט זַלְמִי, אָבֶּער 'עִמּוֹ', זַלְמִי פוּן זַיין זַייט דַארְף אוֹיךְ צוּלֵייגְן אַ פְלֵייצֶע אוּן זִיךְ לָאזְן הֶעלְפְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט:* ***"אִיךְ אָן אַייךְ קֶען נִישְׁט, אוּן אַייךְ אָן מִיר קֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט"****, 'עִמּוֹ' אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע עֵצוֹת, וֶועט דֶער צַדִּיק אַיינְהַאלְטְן דֶעם 'עָזוֹב תַּעֲזֹב', עֶר וֶועט אוּנְז גֶעבְּן פֵיינֶע לֶעכְטִיגֶע מַתָּנוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.*

המשך פון זייט 1

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. בִּשְׁעַת מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת מֶעג מֶען הָאבְּן אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, אָבֶּער בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, בִּפְרָט אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חֹדֶשׁ אֲדָר א', דֶעם שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין אֲדָר אַ' דַארְף מֶען זִיכֶער גָאר פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיג זַיין.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַזוֹי וְוִי אִין דִי צַייטְן פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּן וַשְׁתִּי, הָמָן אוּן זֶרֶשׁ מִיט זַיין גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע וְועלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט פַארְלֶענְדְן חַס וְשָׁלוֹם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן בִּזְכוּת מָרְדְכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וְועלְכֶע הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, אוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז גֶעוָוארְן אַ 'וְנַהֲפוֹךְ הוּא'. וַשְׁתִּי, הָמָן מִיט זַיינֶע בָּנִים זֶענֶען פַארְשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן.

אַזוֹי אוֹיךְ בִּזְמַן הַזֶּה וֶועלְן אַלֶע שׂוֹנְאִים אוּן מְקַטְרְגִים וֶוערְן אַשׁ אוּן פָארֶעך, בִּזְכוּת דִי צַדִּיקֵי אֱמֶת וְועלְכֶע זֶענֶען אוּנְז מְחַזֵּק צוּ דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ חָלִילָה נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין. 'וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשׂוֹנְאֵיהֶם' אָמֵן וְאָמֵן.

## די צוועלעפטע מעשה (7) - מבעל תפילה

**א. פון וועלכע כתה זענען געווען די מענטשן פון גבור?**

- ❑ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז רציחה
- ❑ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז צו גרויסן די איברים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. שאלת זכות: פארוואס גייט דער גבור און זיינע מענטשן אייננעמען די וועלט?**

- ❑ ווייל ער וויל אז די וועלט זאל זיין אונטער אים
- ❑ ווייל ער וויל ווייזן פאר די וועלט זיין שטארקייט
- ❑ ווייל ער וויל טרעפן דער מלך און זיינע מענטשן

**ג. פארוואס האבן די בעל תפלה און גבור געוויינט און זיך געפריידט ווען זיי האבן זיך באגעגנט?**

- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אז זיי האבן זיך געטראפן, און געוויינט אויף די אנדערע לייט פונעם מלך
- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אויף די אנדערע לייט פונעם מלך, און געוויינט אז זיי האבן זיך געטראפן
- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אז דער גבור איז א מלך, און געוויינט ווייל די מדינה של עשירות האבן זיך נאכנישט מכניע געווען

**ד. האבן דער גבור און בעל תפלה געטראפן דער מלך און זיינע לייט?**

- ❑ זיי זענען אריבער יעדעס׳ס פלאץ און זיך מיט זיי געטראפן
- ❑ זיי האבן בכלל נישט געקענט כאפן וואו זייערע פלעצער זענען
- ❑ זיי זענען אריבער די פלעצער וואו זיי האבן פארשטאנען אז דארטן זענען זיי, אבער זיי האבן זיי נישט געקענט טרעפן

**ה. ביי וועמען איז דער גבור נישט אריבער?**

- ❑ ביי די פלאץ פונעם קעניג
- ❑ ביי די פלאץ פונעם בעל תפלה
- ❑ ער איז אריבער יעדעס׳ס פלאץ

**ו. ביי וועמען איז דער בעל תפילה נישט אריבער?**

- ❑ ביי די פלאץ פונעם קעניג
- ❑ ביי די פלאץ פונעם גבור
- ❑ ער איז אריבער יעדעס׳ס פלאץ

**ז. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער קעניג איז?**

- ❑ ער האט נישט געוואוסט וואו דער קעניג איז
- ❑ דורך די שטול פונעם קעניג
- ❑ דורך די קרוין פונעם קעניג

**ח. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו די מלכה איז?**

- ❑ ער האט געזען די קרוין פון קעניג האט ער פארשטאנען אז די מלכה איז דארטן
- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון די מלכה
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך האט ער פארשטאנען אז דא איז די מלכה

**ט. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו די בת מלכה איז?**

- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון די בת מלכה
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך האט ער פארשטאנען אז דא איז די בת מלכה
- ❑ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין ווייב די בת מלכה איז דארטן

**י. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דאס קינד איז?**

- ❑ ער האט געזעהן די גאלדענע האר
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך
- ❑ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין קינד איז אויך דארטן

**יא. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער מליץ איז?**

- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון דעם מליץ
- ❑ ער איז אריבער א ים פון וויין האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די רייד פון דעם מליץ
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער חכם איז?**

- ❑ ער האט געזען די יד פונעם מלך
- ❑ ער האט געזעהן א שטיין וואס אויף דעם איז אויסגעקריצט די געשטאלט פון דעם יד
- ❑ ער האט נישט געוואוסט וואו דער חכם איז

**יג. וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער ממונה על האוצרות איז?**

- ❑ דורך די גאלדענע טישעלעך - קרידענצן – און די אוצרות פון מלך
- ❑ דורך די גאלדענע האר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. האבן דער בעל תפלה און גבור גענומען פון די האר פון דאס קינד?**

- ❑ דער בעל תפלה זיבן דער גבור גארנישט
- ❑ דער גבור צוויי דער בעל תפלה זיבן
- ❑ דער גבור זיבן דער בעל תפלה גארנישט

**טו. וועלכע זאך פון גבור האט דער בעל תפילה געזען?**

- ❑ די שווערד
- ❑ די בויגן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס זאגט דער גבור וויאזוי גייט מען ארויס פון תאות ממון?**

- ❑ מען קען בכלל נישט ארויס גיין
- ❑ דורך די וועג וואס איז צום שווערד
- ❑ מיט זייערע אייגענע כוחות וועלן זיי ארויס גיין